בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# דֶער אוֹצָר אִיז בַּיי דִיר

ווִי עֶס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט אִיבֶּער דֶעם וואוּנְדֶערְלִיכְן אוֹצָר פוּן
"תְּפִלָּה" וָואס 'יֶעדֶער אִיד' פַּארְמָאגְט, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ
דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ,
וֶועט עֶר בַּאוַוייזְן אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים נִסִים וְנִפְלָאוֹת, וואוּיל
אִיז אִים אוּן וואוּיל אִיז זַיין חֵלֶק.

פָּארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"ש זי"ע

### חוֹל הַמוֹעֵד פֶּסַח תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים
פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**באראפארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

## קרן הדפסה היכל הקודש

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# דֶער אוֹצָר אִיז בַּיי דִיר

א.

דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹש זָאגְט (שַׁעַר הַכַּוָּנוֹת פֶּסַח, דְרוּשׁ ג), אַז דָאס וָוארְט 'פֶּסַח' וַוייזְט אוֹיף פֶּה-סָח - אַ מוֹיל וָואס שְׁמוּעֶסְט אוּן רֶעדְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. וַוייל פֶּסַח דַארְף מֶען אַסַאך רֶעדְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן פַארְצֵיילְן אַלֶע נִסִים וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיט אוּנְז גֶעטוּהְן וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם, וָואס דוּרְכְדֶעם קֶענֶען מִיר יֶעצְט אוֹיך זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אוּנְזֶערֶע צָרוֹת, וָואס עֶס וֶוערְט אוֹיך אָנְגֶערוּפְן מִצְרַיִם (בְּרֵאשִׁית רַבָּה טז, ד).

## דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ אֶלִימֶלֶך זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט

(עַיֵין נוֹעַם אֱלִימֶלֶך בְּהַעֲלוֹתְךָ, דִבּוּר הַמַתְחִיל: וַיֹאמֶר מֹשֶׁה לְחוֹבֵב):

**וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אֵיינֶעם אַ נֵס, זָאל עֶר שְׁטֶענְדִיג אִיבֶּער דֶערְצֵיילְן דֶעם נֵס, אַזוֹי אַרוּם וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן נָאך נִסִים[1].**

[1] דֶערְפַאר יֶעצְט וָואס אִיז גֶעוָוארְן פּוּנְקְט אַ יָאר פוּן דֶעם גְרוֹיסְן נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט מִיר גֶעטוּהְן, אוּן מִיר צוּרִיק גֶעגֶעבְּן דָאס לֶעבְּן, וְויל אִיךְ אָפְּגֶעבְּן בָּרַבִּים אַ ׳שְׁבַח וְהוֹדָאָה׳ פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶּער דֶער עֶרְשְׁטֶער זַאךְ דַאנְק אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן דוּרְךְ אַ סֵפֶר׳ל [׳מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ׳ סִדְרוֹ הרה״ח רֶבִּי אַלְתֶּר טֶעפְּלִיקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ], וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן, אוּן דָאס הָאט מִיר אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעמַאכְט, אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעקֶענְט, נָאר גֶעלֶערְנְט מִיט גְרוֹיס פְלַייס דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, [וַוייל אַז אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואלְט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: נֵיין, נִישְׁט דָאס מֵיינְט דֶער רֶבִּי! דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט גוּט פְּשַׁט! אַזוֹי אִיז מִיר דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען בְּעֶרֶךְ פוּנֶעף יָאר וָואס אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעקֶענְט, בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם פוּן אַנַ״שׁ, אוּן עֶר הָאט מִיר שׁוֹין טַאקֶע גֶעמַאכְט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אָבֶּער וִויבַּאלְד אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים הָאבּ אִיךְ זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט צוּטוּהְן גֶעמַאכְט], אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַ דִיבּוּר מוּז אִיךְ דָאס מְקַיֵים זַיין, אוּן יֶעדֶע שִׂיחָה פוּן שִׂיחוֹת הָרַ״ן אוּן חַיֵי מוֹהֲרַ״ן אִיז בַּיי מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר טַייעֶר, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ״ן סִימָן שנח):

פוּן יֶעדֶע שִׂיחָה מַיינֶע, קֶען מֶען זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי אִיךְ וֵוייס וָואס הֵייסְט זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד. אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן אַז בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר ׳תְּפִלָּה׳.

נָאכְדֶעם דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיט מִיר גֶעטוּהְן נָאךְ דִי פִיר הַארְץ אַטַאקֶעס, וָואס אִיךְ בַּאוואוּנְדֶער נָאךְ בִּיז יֶעצְט דֶעם גְרוֹיסְן נֵס, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן לֶערְנֶען צְוֵויי אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט אוּנְטְן אִין מַיין צִימֶער (לֵיל עֶרֶב שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח, תשע״ב), פְּלוּצְלִינְג שְׁפִּיר אִיךְ וִוי מַיין לֶעבְּן עֶנְדִיגְט זִיךְ, עֶס הָאט מִיר גֶעדְרוּקְט בַּיים הַארְץ אוּן דֶעם גַאנְצְן אַרוּם, מִיט אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע דְרוּק אוּן וֵוייטָאג וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוִויסְט פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס דָאס אִיז, אָבֶּער עֶס הָאט זִיךְ מִיר אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דֶער אָטֶעם וְכוּ׳, אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל בַּיי ׳יְצִיאַת נְשָׁמָה׳ פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס הָאבּ אִיךְ יֶעצְט גֶעשְׁפִּירְט, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!** הֶעלְף מִיר, אִיךְ זָאל כָּאטְשׁ קֶענֶען אַרוֹיף גֵיין (דִי דִירָה פוּן מוֹהֲרָא״שׁ שְׁלִיטָ״א אִיז פִיר שְׁטָאקְן הֶעכֶער) אוֹיבְן אִין בֶּעט, אוּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע! [וַוייל צוּ יִסוּרִים בִּין אִיךְ שׁוֹין לֵיידֶער גֶעוֶוען צוּגֶעוואוֹינְט אִין מַיין לֶעבְּן], אָבֶּער עֶס מִיר נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּעטְן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן דֶער אָטֶעם אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ זִיךְ גֶעקֶענְט אַבִּיסְל רִירְן, אַזוֹי בִּין אִיךְ לַאנְגְזַאם אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען.

הָאבּ אִיךְ דֶעמָאלְטְס גֶעזֶעהְן וָואס הֵייסְט (בְּרָכוֹת דַף י׳ ע״א): **אֲפִילוּ חֶרֶב חַדָּה מֻנַּחַת עַל צַוָּארוֹ שֶׁל אָדָם אַל יִמְנַע עַצְמוֹ מִן הָרַחֲמִים** – אֲפִילוּ אַז אַ אוֹיסְגֶעשַׁארְפְטֶע שְׁוֶוערְד לִיגְט שׁוֹין אוֹיף דִי הַאלְז פוּן אַ מֶענְטְשׁ זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ נָאכְדֶעם גֶעהַאט נָאךְ דְרֵיי הַארְץ אַטַאקֶעס (אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי דִי עֶרְשְׁטֶע), וֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער הַארְץ דָאקְטֶער הָאט מִיר אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט: צוּ אִיךְ הָאבּ גֶעפִילְט בַּיים ׳הַארְץ אַטַאק׳ וִוי אַזוֹי אַ עֶלֶעפַאנְט זִיצְט אוֹיף מַיין הַארְץ? הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: נִישְׁט ׳אֵיין׳ עֶלֶעפַאנְט נָאר צֶען! הָאט עֶר מִיר

און בֶּאֱמֶת טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר יֶעדְן אִיד אָן אַ שִׁיעוּר נִסִים יֶעדְן טָאג, נָאר דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע נִסִים, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (נִדָה לא ע״א): **לְעוֹלָם אֲפִילוּ בַּעַל הַנֵס אֵינוֹ מַכִּיר בְּנִסוֹ** – דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַ מֶענְטְשׁ פִיל מִיט נִסִים, נָאר דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט דָאס נִישְׁט; עֶר מֵיינְט אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיך נָאר לוֹיט דִי טֶבַע, אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קלו, ד): **לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדֹלוֹת לְבַדּוֹ** – דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער, וָואס נָאר עֶר אַלֵיינְס וֵוייסְט; בְּרֶענְגְט דֶער מִדְרָשׁ (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי יְשַׁעְיָה, רֶמֶז תיז; פְּסִיקְתָּא זוּטְרְתָא חֻקַּת כא, ט), **אַ מָשָׁל**, אַז אַ מֶענְטְשׁ לֵייגְט אַרָאפּ דִי פִיס אוֹיף דֶער עֶרְד, און אָן זַיין וִויסְן הָאט עֶר אַרוֹיף גֶעטְרֶעטְן אוֹיף אַ שְׁלַאנְג און דָאס

גֶעזָאגְט: דָאס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אִיבֶּערְצוּלֶעבְּן (וּכְבָר נִרְשָׁם סִיפּוּר הַנֵס בַּאֲרִיכוּת, בְּמָדוֹר מְיוּחָד סוֹף סֵפֶר ׳לֵב אָבוֹת׳ עַל פִּרְקֵי אָבוֹת). לֵיידֶער הַאלְט מֶען אִין אֵיין הֶערְן נֶעבֶּעךְ וִוי יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דְרַייסִיג און פוּפְצִיג יָאר וֶוערְן פַארְכַאפְּט אִין עֶטְלִיכֶע סֶעקוּנְדֶעס דוּרְךְ אַן הַארְץ אַטַאק, און זֵיי זֶענֶען שׁוֹין מֶער נִישְׁט דָא, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם וָואס ׳תְּפִלָּה׳ אִיז, און וָואס מֶען קֶען פּוֹעֵל׳ן מִיט תְּפִלָּה.

גֶע׳הַרְגֶ׳עט, און וֶוען עֶר טְרֶעט דָאס וֶוען נִישְׁט אָן, וָואלְט דִי שְׁלַאנְג אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן בֶּעט און אִים גֶעבִּיסְן רַחְמָנָא לִצְלָן; אַזוֹי קוּמְט שְׁטֶענְדִיג פָאר נִסִים פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר וֵוייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט דֶערְפוּן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס וֵוייסְט דָאס.

## ב.

אָבֶער כְּדֵי אַ מֶענְטְשׁ זָאל אַיינְזֶעהְן דִי נִסִים וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט מִיט אִים, מוּז עֶר הָאבְּן ׳אֱמוּנָה׳, וָואס דָאס אִיז ׳תְּפִלָּה׳ - עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ז), וַוייל צוּ אַלֶע ׳נִסִים׳ אִיז מֶען זוֹכֶה נָאר דוּרְךְ׳ תְּפִילָה׳, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רנ): אַלֶע ׳נִיסִים׳ וָואס אֱלִישָׁע הָאט בַּאוִויזְן הָאט עֶר דָאס נָאר גֶע׳פּוֹעֶל׳ט מִיט תְּפִילָה, עֶר הָאט אַסַאך גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (עַיֵין מְגִילָה דַף כז ע״א). און אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיך צוּ, אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן בֶּעט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זֶעהְן נִיסִים, אָבֶער מֶען דַארְף בַּיי דֶעם זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק,

און מֶען טָאר זיך נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין און וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, אֲפִילוּ מֶען זֶעהְט נִישְׁט גְלַייך דִי יְשׁוּעָה, נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן און בֶּעטְן אָן אוֹיפְהֶער בִּיז מֶען בַּאקוּמְט דִי יְשׁוּעָה.

רוֹב מֶענְטְשְׁן בַּאקְלָאגְן זִיךְ: אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, דָאךְ הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין יְשׁוּעָה?! זָאג אִיךְ שְׁטֶענְדִיג, אַז תְּפִלָּה דַארְף מֶען זִיך לֶערְנֶען פוּן אַ קִינְד, מֶען זֶעהְט וֶוען אַ קִינְד וִויל עֶפֶּעס בַּאקוּמֶען פוּן זַיין טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע, נֶעמְט עֶר זִיך מוּטְשֶׁעןֶען: גֶעבּ מִיר, גֶעבּ מִיר! און אֲפִילוּ מֶען זָאגְט אִים: הֶער אוֹיף צוּ מוּטְשֶׁעןֶען! גֵיי שׁוֹין אַרוֹיס פוּן דָא! לָאזְט עֶר נִישְׁט נָאךְ, נָאר עֶר וַוארְפְט זִיךְ אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד, און עֶר קְלַאפְּט זַיין קָאפּ אִין וַואנְט, און עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ, בִּיז מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ, און מֶען זָאגְט אִים: דָא הָאסְטוּ וָואס דוּ דַארְפְסְט, און גֵיי פוּן דָא!

דִי זֶעלְבֶּע זַאך דַארְף מֶען טוּהְן וֶוען מֶען בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן און בֶּעטְן און נִישְׁט אָפְּלָאזְן וִוילַאנְג

מֶען בַּאקוּמְט וָואס מֶען דַארְף, וַוייל יֶעדֶע זַאך קֶען מֶען אוֹיסְפִּירְן מִיט תְּפִלָּה.

ג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כ; קצז): וֶוען אַ מֶענְטְש אִיז מִתְפַּלֵּל טָאר עֶר זִיך נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנֶ'ען אוּן זָאגְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער מוּז אִים גֶעבְּן וָואס עֶר דַארְף, וַוייל דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער נֶעמְט אַזַאךְ מִיט גְזֵילָה אוּן מִיט גֶעוַואלְד, נָאר שְׁטֶענְדִיג דַארְף עֶר קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים.

דָאךְ מֵיינְט דָאס נִישְׁט צוּ זָאגְן מֶען זָאל חָלִילָה נָאכְלָאזְן פוּן תְּפִלָּה, וַוייל אַז אַ מֶענְטְש גֶעט נִישְׁט אוֹיף, אוּן עֶר בֶּעהְט אוּן בֶּעהְט מִיט רַחְמָנוּת פוּן בַּאשֶׁעפֶער, קֶען עֶר אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן, נָאר עֶר טָאר נִישְׁט קוּמֶען מִיט קַיין טַעֲנוֹת אוּן צְווִינְגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז אִים טוּהְן דִי יְשׁוּעָה, נָאר זִיך אַיינְבֶּעהְטְן מִיט רַחְמָנוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קצג): דִי מַחְשָׁבָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק אַז אוֹיבּ עֶר מַאכְט עֶפֶּעס אָפּ מִיט זַיין גַאנְצְן מֹחַ: אִיךְ וֶועל דָאס בַּאקוּמֶען. וֶועט עֶר דָאס טַאקֶע הָאבְּן, לְמָשָׁל אַז אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ: אִיך וֶועל הָאבְּן גֶעלְט. וֶועט עֶר הָאבְּן גֶעלְט, אָבֶּער דָאס דַארְף זַיין מִיט זַיין גַאנְצֶע מֹחַ אוּן מַחְשָׁבָה. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט תְּפִלָּה אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אָפּ בַּיי זִיךְ, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אִיך גֵיי מַאכְן אַזוֹיפִיל תְּפִילוֹת אוֹיף דִי אוּן דִי זַאךְ, בִּיז אִיךְ גֵיי דָאס אוֹיסְבֶּעהְטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן! וֶועט עֶר דָאס קֶענֶען אוֹיסְ׳פּוֹעֵלְ׳ן[2].

---

[2] צוּם בַּיישְׁפִּיל עֶס אִיז דָא בָּחוּרִים וָואס בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר אַ שִׁידוּךְ, כָּאטְשִׁיג עֶס זֶעהְט זֵיי אוֹיס וִוי עֶס וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשֶׁעהְן, אָבֶּער וִויבַּאלְד מֶען אִיז שְׁטַארְק אוּן מֶען גֶעט נִישְׁט אוֹיף, נָאר מֶען מַאכְט נָאךְ אוּן נָאךְ תְּפִלּוֹת אָן קַיין אָפְּשְׁטֶעל, [עֶס אִיז פַּארְהַאנֶען בָּחוּרִים וָואס צֵיילְן טוֹיזֶענְטֶער תְּפִלּוֹת], זֶעהֶען זֵיי בַּיים סוֹף אַ שֵׁיינֶע יְשׁוּעָה, אָבֶּער מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט מִיד וֶוערְן אֲפִילוּ עֶס זָאל זַיין אַ מִילְיָאן תְּפִלּוֹת.

שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כה, כא): **וַיֶּעְתַּר יִצְחָק** – יִצְחָק הָאט אַסַאך גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאגְט דֶער מִדְרָשׁ אוֹיף דֶעם (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סג, ה): יִצְחָק הָאט גֶעגָאסְן תְּפִלּוֹת ווִי אַן 'עוֹשֶׁר'. פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי אַ עוֹשֶׁר [וָואס הָאט שֵׂכֶל] גֶעט גֶעלְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע בְּרֵייטְקַייט, עֶר וַוארְפְט זִיך מִיט דִי גֶעלְט אוֹיף אַלֶע זַייטְן, וַוייל גֶעלְט אִיז בַּיי אִים גָארְנִישְׁט, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף יֶעדֶער אִיד וַוארְפְן אַסַאךְ תְּפִלּוֹת אוֹיף רֶעכְטְס און לִינְקְס אַזוֹי ווִי אַ עוֹשֶׁר.

דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (דְבָרִים רַבָּה ב, יז): עֶס אִיז דָא אַ תְּפִלָּה וָואס וֶוערְט גְלַייך נִתְקַבֵּל, און עֶס אִיז דָא אַ תְּפִלָּה וָואס נֶעמְט צֶען טֶעג עֶס זָאל נִתְקַבֵּל וֶוערְן, ווִידֶער אִיז דָא אַ תְּפִלָּה וָואס עֶס נֶעמְט פֶערְצִיג טֶעג עֶס זָאל אָנְגֶענוּמֶען וֶוערְן. דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה און נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְן, און זַיין גַאנְצֶע חַיוֹת זָאל זַיין נָאר תְּפִלָּה, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ט): אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט זַיין גַאנְצֶע חַיוֹת נָאר דוּרְך תְּפִלָּה, אַזוֹי ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים (מב, ט):

תְּפִלָּה לְאֵ-ל חַיָּי מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ מוּז אָטֶעמֶען צוּ לֶעבְּן, אַזוֹי דַארְף עֶר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען נָאר צוּ אָטֶעמֶען תְּפִלָּה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיךְ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ב), אַז תְּפִלָּה הָאט שַׁיְיכוּת מִיט דִי נָאז, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה מח, ט): **וּתְהִלָּתִי 'אֶחֱטָם' לָךְ**, אוּן אַזוֹי וִוי דוּרְךְ דִי נָאז הַאלְט מֶען אִין אֵיין אָטֶעמֶען, אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ הַאלְטְן אִין אֵיין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זֶעהְן נִסִים וְנִפְלָאוֹת, וַוייל 'אֱמוּנָה' 'תְּפִלָּה' 'נִסִים' אִיז גֶעבִּינְדְן אוּן גֶעוָואנְדְן אֵיינְס מִיטְן אַנְדֶערְן, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיך צוּ צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט עֶר זֶעהְן גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ז).

ד.

אָבֶער בַּיי תְּפִלָּה דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד אוּן 'אֲרִיכַת אַפַּיִם', וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיך אוֹיף דִי נָאז

[חוֹטֶם], אוּן נִישְׁט מִיד וֶוערְן פוּן בֶּעטְן אֲפִילוּ מֶען זֶעהְט נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה, אוּן דָאס אִיז דֶער עִיקָר פְּרָאבְּלֶעם אוּן שְׁוֶועריקֵייט אֲפִילוּ פַאר דִי וָואס גֶעוואוֹינֶען זִיך שׁוֹין יָא צוּ צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען פַאלְט אַרַיין אִין יִאוּשׁ, אוּן מֶען וֶוערְט גְלַייך צוּבְּרָאכְן: אִיך הָאבּ שׁוֹין יָא גֶעבֶּעטְן אָבֶּער מֶען הֶערְט מִיר נִישְׁט אוֹיס! בִּשְׁעַת עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט רִיכְטִיג, וַוייל יֶעדֶע תְּפִלָּה וָואס אַ אִיד בֶּעט מַאכְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע רַעַשׁ אִין הִימְל, נָאר דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם וָואס עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ אַ ׳חֲלִישׁוּת הַדַעַת׳ אוּן אַ צוּבְּרָאכֶענְקֵייט, עֶר זָאל פִילְן וִוי עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן אִין הִימְל, אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר אִים אַרַיין אִין זַיין נֶעץ עֶר זָאל וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעט דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיט אַ מָשָׁל (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רלב), עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ גִבּוֹר וָואס הָאט אַיינְגֶענוּמֶען אַסַאך שְׁטֶעטְלֶעך אוּן דֶערְפֶעלֶער, בִּיז

עֶר אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי גְרוֹיסֶע שְׁטָאט, אוּן דִי שְׁטָאט אִיז גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע מוֹיעֶר, עֶנְדְלִיך אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם טוֹיעֶר וואוּ מֶען קֶען אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטָאט, נָאר דֶער טוֹיעֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁטָאפְּט מִיט 'שְׁפִּינֶען וֶועבֶּעכְטְץ', אִיז דֶער גִבּוֹר גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן פַּארְלוֹירְן, אוּן גֶעזָאגְט: אִיך קֶען דָא נִישְׁט דוּרְכְגֵיין! אִיז דֶען דָא אַ גְרֶעסֶערֶע נַארִישְׁקֵייט פוּן דֶעם?! גֶעבּ אַ קוּק וָואס דוּ בִּיסְט שׁוֹין דוּרְך גֶעגַאנְגֶען אוּן בַּאזִיגְט בִּיז יֶעצְט, אוּן פוּן דִי "שְׁפִּינֶען וֶועבֶּעכְטְץ" וֶוערְסְטוּ אִינְגַאנְצְן דֶערְשְׁרָאקְן?!

דִי זֶעלְבֶּע זַאך - פִּירְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיס - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיך אוּנְטֶער צוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער, נֶעמְט עֶר אַיין אוּן עֶר בַּאזִיגְט אַלֶע מִלְחָמוֹת וָואס עֶר הָאט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן עֶר פַארְבְּרֶענְט אָן אַ שִׁיעוּר קְלִיפּוֹת וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת (בְּרָכוֹת דַף ו ע"א), אוּן יֶעצְט וֶועגְן אַבִּיסְל 'חֲלִישׁוּת הַדַעַת' וָואס דֶער סַמֶ"ך מֶ"ם בְּרֶענְגְט אִין אִים אַרַיין, אַז עֶר אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד

און מֶען דַארְף אִים נִישְׁט אִין הִימְל וְכוּ׳, זָאל עֶר וֶוערְן צוּבְּרָאכְן און אוֹיפְהֶערְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם ? !

## ה.

וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְּ, און עֶר זָאל זִיךְּ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִין דֶער וֶועלְט, און פוּן קַיין שׁוּם זַאךְּ אִין דֶער וֶועלְט, אֲפִילוּ עֶס דַאכְט זִיךְּ אִים אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְן, און אַז עֶר וֶועט שׁוֹין קַיין ׳עוֹלָם הַבָּא׳ אוֹיך נִישְׁט הָאבְן, דָאךְּ זָאל אִים גָארְנִישְׁט אִינְטֶערְסִירְן, נָאר זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְּ און וִויסְן: אִיךְּ דַארְף נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן מ״ח).

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט צוּ זִינְגֶען (תְּהִלִים עג, כה): ׳מִי לִי בַשָּׁמָיִם׳ - וֶועמֶען הָאבּ אִיך אִין הִימְל] ? אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן יד): פוּנְקְט אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ הָאט שׂוֹנְאִים דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט עֶר אוֹיבְן אִין הִימְל אוֹיךְּ שׂוֹנְאִים,

וָואס זֶענֶען מְקַטְרֵג אוֹיף אִים [אָבֶער: 'וְעִמְּךָ' - ווִיבַּאלְד אִיך הָאבּ דִיר בַּאשֶׁעפֶער, 'לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ' - דַארְף אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט דִי וֶועלְט אוֹיךְ נִישְׁט. אוּן אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר וַוייטֶער זִינְגֶען: אִיךְ דַארְף נִישְׁט דֶער וֶועלְט, אִיךְ דַארְף נִישְׁט יֶענֶער וֶועלְט, נָאר דִיר בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין!

ו.

אוּן דִי שְׁלִיסְל פוּן תְּפִלָה הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה, אוּן דֶעם שְׁלִיסְל וֶועט מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ אַריין בְּרֶענְגְן אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז נִישְׁט נָאר אִידְן וֶועלְן וִויסְן פוּן דֶעם, נָאר אֲפִילוּ אַלֶע אוּמוֹת הָעוֹלָם אוֹיךְ (עַיֵין חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רנ-רנא), חוּץ עֲמָלֵק וָואס עֶר וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעמֶעקְט דוּרְךְ דָוִד הַמֶּלֶךְ[3], אָבֶער אַלֶע אַנְדֶערֶע פֶעלְקֶער וֶועלְן אַוֶועק וַוארְפְן זֵייעֶרֶע עֲבוֹדָה

---

[3] נָאר הַיינְט צוּטָאגְס ווִיבַּאלְד אַלֶע אוּמוֹת זֶענֶען שׁוֹין אוֹיסְגֶעמִישְׁט דֶערְפַאר אִיז אִיבֶּערַאל דָא פוּן עֲמָלֵק, אַזוֹי ווִי מֶען הָאט גֶעזֶעהְן בַּיי דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט קְרִיג, אַז אַלֶע אַרוּמִיגֶע גוֹיִם הָאבְּן אַרוֹיס גֶעהָאלְפְן דֶעם דַייטְשׁ יִמַח שְׁמוֹ.

**זָרָה׳ס, אַבְרָהָם אָבִינוּ וֶועט אַהֵיים רוּפְן צוּ זִיךְ יִשְׁמָעֵאל, אוּן יִצְחָק אָבִינוּ וֶועט אַהֵיים רוּפְן עֵשָׂיו, אוּן אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע גוֹיִם צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן[4].**

## ז.

**אָבֶּער אַרַיין צוּ בְּרֶענְגְן אִין דִי וֶועלְט, אַז מֶען זָאל זִיךְ פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן נָאר צוּ אִים זָאל מֶען רֶעדְן, אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען אַז**

---

[4] דָאס זָאגְן מִיר דְרֵיי מָאל אַ טָאג בַּיי דִי תְּפִלָּה פוּן ׳עָלֵינוּ׳: **לְתַקֵּן עוֹלָם בְּמַלְכוּת שַׁדַ–י, וְכָל בְּנֵי בָשָׂר יִקְרְאוּ בִשְׁמֶךָ** – אַז אֲפִילוּ אַלֶע גוֹיִם וֶועלְן אַנֶערְקֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶועלְן מִתְפַּלֵל זַיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער [עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אַז זֵיי וֶועלְן וֶוערְן אוֹיסְגֶערִיסְן]. וַוייל דִי אַלֶע עֲבוֹדָה זָרָה אִין וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְגְלֵייבְּט אִיז דָאךְ אַ פָּשׁוּטֶע׳ר דִמְיוֹן, דִי ׳נוֹצְרִים׳ הָאבְּן גֶענוּמֶען אַ ׳מַמְזֵר׳ אוּן גֶעמַאכְט פוּן אִים אַ גַאנְצֶער גֶעשֶׁעפְט, אוּן דִי מוּסְלְמֶענֶער הָאבְּן גֶענוּמֶען אַ מְשׁוּגָע׳נֶעם אוּן גֶעמַאכְט פוּן אִים אַ גַאנְצֶער גֶעשֶׁעפְט (רַמְבַּ״ם בְּאִגֶּרֶת תֵּימָן), אוּן אוֹיף דֶעם אַרוֹיף אִיז נֶעבֶּעךְ פַארְגָאסְן גֶעוָוארְן אַזוֹיפִיל אִידִישׁ בְּלוּט אוּמְזִינְסְט בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע דוֹרוֹת, אוּן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן זֵיי אַלֶע אַיינְזֶעהְן דֶעם טָעוּת אוּן דִי נַארִישְׁקֵייט, אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען זָאגְט (נוּסַח קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה): **לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי הֲוָיָ״ה, קִוִּיתִי הֲוָיָ״ה לִישׁוּעָתְךָ, הֲוָיָ״ה לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי.** וָואס אִיז דֶער חִילוּק צְוִוישְׁן דִי דְרַיי וֶועגְן וִוי אַזוֹי מֶען זָאגְט דָאס?! נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז יוּנְג זָאגְט עֶר 'לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי הֲוָיָ״ה', עֶר טוּט אוּן עֶר מַאכְט אוּן בַּיים סוֹף דֶערְמַאנְט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס נָאמֶען; וֶוען עֶר קוּמְט שׁוֹין אִין דִי מִיטֶעלֶע יָארְן, זָאגְט עֶר 'קִוִּיתִי הֲוָיָ״ה לִישׁוּעָתְךָ', עֶר הָאפְט אוּן אִינְמִיטְן לֵייגְט עֶר שׁוֹין אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ; אָבֶּער וֶוען עֶר קוּמְט שׁוֹין אוֹיף דֶער עֶלְטֶער, זֶעהְט עֶר אַיין אַז 'הֲוָיָ״ה לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי', מֶען מוּז הָאבְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גְלַייךְ פַאר אַלֶעם, אוּן עֶר דֶערְמַאנְט שׁוֹין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אָנְפַאנְג.

וֶועגְן דֶעם אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, וֶוען מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער שׁוֹין פוּן קִינְדְוַוייז אָן, נָאר צוּ רֶעדְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּן בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, כָאטְשִׁיג אֲפִילוּ מִיט תְּפִלָּה דַארְף מֶען נָאך אוֹיךְ גְרוֹיס רַחְמִים, וַוייל אֵיין פַארְדָארְבֶּענֶער יוּנְגֶל קֶען רַחְמָנָא לִצְלָן קַאלְיֶע מַאכְן אַ

גַאנְצֶע קְלַאס, אָדֶער אֵיין פַארְדָארְבֶּעֶנער יוּנְגֶערְמַאן אַ גַאנְצֶער כּוֹלֵל, אָבֶּער אַז מֶען לֵייגְט דָאס אַרַיין פוּן קִינְדְוַוייז אָן צוּ מִתְפַּלֵל זַיין, בְּלַייבְּט דָאס שׁוֹין אִים אַ גַאנְצֶע לֶעבְּן אוּן דָאס הִיט אִים אָפּ.

ח.

אִין דִי שְׁטָאט בַּארְדִיטְשׁוּב אִיז גֶעוֶוען אַ 'בְּרֶסְלְבֶ'ער חָסִיד' אַ 'עוֹבֵד הַשֵּׁם' רֶבִּי בָּרוּך גָאלַאנְט זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן 'רֶבִּי בָּרוּךְ בַּארְדִיטְשׁוּבֶער', [אִיךְ הָאבּ נָאך גֶעקֶענְט זַיין זוּהְן רֶבִּי יוֹחָנָן גָאלַאנְט וָואס עֶר הָאט שׁוֹין גֶעווָאוֹנְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל], עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג נָאר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין פַּרְנָסָה אִיז גֶעוֶוען פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען מַשְׁגִיחַ אוֹיף דֶעם עֵירוּב אַרוּם דִי שְׁטָאט בַּארְדִיטְשׁוּב, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ נִישְׁטִיגֶע גֶעהַאלְט, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרֶעם, פְלֶעגְט עֶר זָאגְן פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה: דָאס אַלֵיין אַז אִיךְ קוּם נָאכְאַמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֶּעטְן, דָאס אִיז שׁוֹין דִי יְשׁוּעָה! אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט דָא קַיין עֶסְן אִין שְׁטוּבּ; אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער

# כ   דֶער אוֹצָר אִיז בַּיי דִיר

## הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאט אַנְדֶערֶע נִסִים[5].

---

[5] אִיךְ קֶען דָאס מֵעִיד זַיין וָואס אִיךְ זֶעה אִין דִי בְּרֶסְלְבֶ׳ער שְׁטֶעטְל ׳יַבְנְאֵל׳, כָאטְשִׁיג אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט אַז אִיךְ זָאל זַיין אִין ׳יַבְנְאֵל׳, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה פִירְט זִיךְ דָארְט אַלֶעס נָאר מִיט **תְּפִלָּה** און מִיט **נִסִים**, און מִיר הָאבְּן שׁוֹין הַיינְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם פִיר הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת חַסִידִי׳שֶׁע אִידְן, מִיט אַלֶע צוּגֶעהֶערְן פוּן אַ קְהִלָּה אוֹיפְן שֶׁענְסְטֶען פַארְנֶעם, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע ווּאוּנְדֶער, אוֹיף דֶעם פְּלַאץ וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער ׳אוֹישְׁוִויץ **בְּרוּחָנִיּוּת**׳ פוּן דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע קְהִלוֹת ׳תֵּימָן׳ און ׳טוּנִיס׳, וואוּ דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע רְשָׁעִים דִי עֵרֶב רַב יִמַח שְׁמָם הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶע׳שְׁמַדְ׳ט מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס רְצִיחָה און אַכְזָרִיוּת, און מֶען הָאט דִי קִינְדֶער מִיט גֶעוַואלְד צוּגֶענוּמֶען פוּן דִי עֶלְטֶערְן און זֵיי אָפְּגֶעפִירְט פוּנֶעם אִידִישְׁן וֶועג.

עֶס הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַ אִיד ר׳ **אַבְרָהָם כֹּהֵן** נֵירוֹ יָאִיר, וָואס זַיין זֵיידֶע הָאט גֶעווּאוֹינְט אִין **טוּנִיס**, און וֶוען זַיין טַאטֶע מִיט דִי מִשְׁפָּחָה זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין **יַבְנְאֵל**, הָאט מֶען פוּן זַיין טַאטְן אַרוֹיסְגֶענַארְט צְוֶועלֶעף קִינְדֶער, מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט, אַז מֶען פִירְט זֵיי אִין אַ יְשִׁיבָה נִישְׁט וַוייט פוּן דָא, און אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען תְּמִימוּת׳דִיגֶע סְפַרְדִים, הָאבְּן זֵיי גֶעגְלֵייבְּט מִיט תְּמִימוּת, און זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַז דִי קִינְדֶער גֵייעְן לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה, אָבֶּער וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען צוּרִיק גֶעקוּמֶען נָאךְ צְוֵויי וָואכְן זֶענֶען זֵיי שׁוֹין גֶעוֶוען גוֹיִם גְמוּרִים רַחְמָנָא לִצְלָן [נָאר עֶר פוּן אַלֶע בְּרוּדֶערְס אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם שׁוֹין צוּרִיק גֶעקוּמֶען און תְּשׁוּבָה גֶעטוּהְן], דִי טַאטֶע הָאט זִיךְ גֶערִיסְן דִי הָאר פוּן קָאפּ, אָבֶּער עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּהן, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וֶוער עֶס זָאל זֵיי הֶעלְפְן אָדֶער רַאטֶעוֶוען, וַוייל דֶעמָאלְטְס אִין אָנְפַאנְג הָאט מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט צוּ זֵיי, עֶס אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיס וַואך אוֹיף דֶעם, יַבְנְאֵל אִיז אַ מְדִינָה אִין אַ מְדִינָה, מֶען קוּמְט

דָארְט אַרַיין נָאר פוּן צְוַויי זַייטְן, אוּן אַז מֶען פַארְמַאכְט דָאס קֶען מֶען נִישְׁט אַרַיינְגֵיין, אוּן אוֹיבּ הָאט זִיךְ עֶמִיצֶער יָא גֶעוָואלְט דֶערְוַוייגְן אַרַיינְצוּגֵיין הָאט מֶען אִים גֶע׳הַרְגֶ׳עט אוּן גֶעשְׁלָאגְן.

דֶער בַּאוואוּסְטֶער ׳מַגִיד׳ הַגָאוֹן הַגָדוֹל וְכוּ׳ רֶבִּי יַעֲקֹב גַאלִינְסְקִי זצוק״ל, הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט, אַז אֵיינְמָאל אִין יֶענֶע יָארְן וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער ׳חֲזוֹן אִישׁ׳ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: יֶענְקְ׳לֶע! אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַהִין אַרַיין גַנָבֶ׳ענֶען, אוּן קוּקְן וָואס מֶען טוּט דָארְט מִיט דִי תֵּימָנֶ׳ע קִינְדֶער. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען מִיטְן כֹּחַ פוּן זַיין שְׁלִיחוּת, וִוי עֶר קוּמְט אָן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען הָאט אִים נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט אוּן מֶען הָאט אִים גֶעהַאקְט אוּן גֶעשְׁלָאגְן וְכוּ׳, אָבֶער דָאךְ אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען אוֹיף אַ אִינְטֶערֶעסַאנְטְן וֶועג זִיךְ אַרַיין צוּ כַאפְּן דָארְט, הָאט עֶר נֶעבֶּעךְ גֶעזֶעהְן וִוי אַזוֹי מֶען הָאט זֵיי אוּמְגְלִיקְלִיךְ גֶעמַאכְט, אוּן אוֹיסְגֶערִיסְן דִי אֱמוּנָה פוּן זֵיי, צְווישְׁן אִיז עֶר אַרַיין אִין אֵיינֶע פוּן דִי גֶעצֶעלְטְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט, [אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט גֶעצֶעלְטְן, וָואס אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיוּת אִיז דָארְט נִישְׁט גוּט גֶעוֶוען, זוּמֶער הָאט מֶען גֶעקֶענְט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן פוּן הִיץ, אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען פוּן אוּנְטְן אַרַיינְגֶעקוּמֶען חַיוֹת אוּן פְלִיגְן, אוּן ווינְטֶער אִיז מֶען גֶעפְרוֹירֶען גֶעוָוארְן פוּן קֶעלְט, אָבֶער פַאר דִי רְשָׁעִים הָאט עֶס נִישְׁט אִינְטֶערְסִירְט, זֵיי הָאבְּן דָאךְ אוֹיסְגֶערִיסְן דִי גַאנְצֶע אֱמוּנָה וָואס דָאס אִיז אַסַאךְ עֶרְגֶער, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (בַּמִדְבָּר רַבָּה כא, ד): **גָּדוֹל הַמַּחְטִיאוֹ יוֹתֵר מִן הַהָרְגוֹ** - אַז דוּ מַאכְסְט אֵיינֶעם זִינְדִיגְן אִיז דָאס אַסַאךְ עֶרְגֶער וִוי דוּ הַרְגֶ׳עסְט אֵיינֶעם]. זֶעהְט עֶר דָארְט אַ עֶלְטֶערֶער תֵּימָנֶ׳ער אִיד וֵויינְט מִיט דִי וֶוערְטֶער (נוּסַח מוּסָף לְיָמִים טוֹבִים): **וּמִפְּנֵי חֲטָאֵנוּ גָלִינוּ לְאַרְצֵינוּ**. אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט, אַז אִין תֵּימָן אִיז גֶעוֶוען אַזַא נוּסָח [לְאַרְצֵינוּ אוּן נִישְׁט מֵאַרְצֵינוּ], וַוייל זֵיי זֶענֶען פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן קַיין תֵּימָן נָאךְ דִי חוּרְבָּן פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן בֵּית מִקְדָשׁ, אוּן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין פַארְבְּלִיבְּן דָארְט, הָאט דֶער אִיד אוֹיסְגֶעפִירְט מִיט אַ בִּיטֶערְלִיכְן גֶעוֵויין: דָא אִיז אוֹיךְ מְקוּיָם גֶעוָוארְן ׳גָלִינוּ לְאַרְצֵינוּ׳ - מִיר זֶענֶען נֶעבֶּעךְ פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן דָא אִין אֶרֶץ

יִשְׂרָאֵל צוּלִיבּ אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת! וַוייל מֶען הָאט אִים נֶעבֶּעך צוּגֶענוּמֶען זַיינֶע קִינְדֶער, און זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גוֹיִם גְמוּרִים רַחְמָנָא לִצְלָן.

**רֶבִּי יַעֲקֹב** אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם 'חֲזוֹן אִישׁ', צוּבֵּייזְט מִיט בְּלוֹיעֶ צֵייכֶענֶעס אוֹיפְן פָּנִים וְכוּ' פוּן דִי קְלֶעפּ וָואס עֶר הָאט גֶעכַאפְּט, און עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט פוּן יֶענֶעם אִיד, פְּרֶעגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער 'חֲזוֹן אִישׁ': בִּיזְט דָאךְ גֶעוֶוען אִין סִיבִּיר, און דָארְט הָאט מֶען אוֹיךְ גֶעכַאפְּט מַכּוֹת אַז מֶען זָאל אוֹיסְזָאגְן וואוּ עֶס אִיז דָא אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, און פוּן דִי רוּסְן הָאט מֶען בַּאקוּמֶען שְׁטֶערְקֶערֶע קְלֶעפּ פַארְן נִישְׁט אוֹיסְזָאגְן, אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס הָאט דִיר דָאס יֶעצְט אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ?! הָאט עֶר גֶעזָאגְט: נִישְׁט וֶועגְן דִי קְלֶעפּ וֵויין אִיךְ, נָאר אִיךְ קֶען מִיךְ נִישְׁט בַּארוּאִיגְן פוּן דִי וֵוייטָאג וָואס אִיךְ הָאב נֶעבֶּעךְ צוּגֶעזֶעהְן, וִוי דֶער תֵּימָנֶ'ער טַאטֶע וֵויינְט אַזוֹי שְׁטַארְק: "מִפְּנֵי חֲטָאֵנוּ גָּלִינוּ לְ'אַרְצֵנוּ". אַז מֶען הָאט אִים נֶעבֶּעךְ צוּגֶעכַאפְּט דִי קִינְדֶער און אוֹיסְגֶע'שְׁמַדְ'ט רַחְמָנָא לִצְלָן.

און אַז מֶען הָאט גֶעקֶענְט אוֹיף אַזַא פְּלַאץ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַזַא הֶערְלִיכֶע קְהִלָּה, נָאכְדֶעם וָואס אַלֶעס קוּמְט נָאךְ אֲפִילוּ יֶעצְט אָן בִּיטֶער שְׁוֶוער, וַוייל דָארְט אִיז פוּן אֵיין זַייט טַאקֶע דִי שֶׁענְסְטֶע פְּלַאץ פוּן גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז עֶס דִי עֶרְגְסְטֶע פְּלַאץ, וואוּ דִי פַארְבִּיסֶענְסְטֶע **מִינִים וְאַפִּיקוֹרְסִים רַחְמָנָא לִצְלָן** גֶעפִינֶען זִיךְ, בִּפְרַט זִיצְט דָארְט דֶער 'שְׁטְרָאף' (רָב מִטַּעַם), וָואס עֶר אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַלֵיין, וִוי בַּאקַאנְט אִיז אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן דָא אִין אַמֶעריקֶע גֶעוֶוען גֶעפֶערְלִיךְ דִי מַצָּב פוּן אִידִישְׁקֵייט, אַלֶעס מִיט דִי חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי פַארְדָארְבֶּענֶע רַבָּנִים (רַאבֵּייס), און וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער **רֶבִּי יוֹסֵף יִצְחָק מִלְיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** אִיז גֶעקוּמֶען קַיין אַמֶעריקֶע [שְׁנַת תש"א] הָאט עֶר שְׁטַארְק פַארְפִּירְט אַקֶעגְן זֵיי, און עֶר פְּלֶעגְט זָאגְן (אִגְרוֹת קוֹדֶשׁ (כְּרַךְ ז) מִכְתָּבִים א'תתקפח, ב'עה; סֵפֶר הַשִּׂיחוֹת מִשְּׁנַת

דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְש צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, בִּפְרַט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט מֶען טְרֶעפְט אַ שִׁידוּךְ אוּן מֶען הָאט חֲתוּנָה, דֶעמָאלְטְס הָאט מֶען מֶען שׁוֹין הֶערְשְׁט וָואס צוּ בֶּעטְן, אַזוֹי וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ב): דֶער עִיקָר 'שְׁלֵימוּת הַתְּפִלָּה' קוּמְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין זַיין שִׁידוּךְ! וַוייל דִי גְמָרָא זָאגְט (קִדּוּשִׁין מ"ט ע"ב): צֶען מָאס רֵייד אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, נַיין מָאס דֶערְפוּן הָאבְּן דִי פְרוֹיעֶן גֶענוּמֶען, אוּן אֵיין מָאס

---

תשׁ"ג, עָמוּד 28): דִי 'וֶוערֶעמְדִיגֶע רַבָּנִים' הָאבְּן חָרוּב גֶעמַאכְט דִי אִידִישְׁקֵייט אִין אַמֶערִיקֶע! וַוייל עֶס הָאט זֵיי נִישְׁט אִינְטֶערְסִירְט קַיין 'חִינוּךְ' פַאר דִי קִינְדֶער.

אוּן דָאס זֶעהְט מֶען בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ אִין יַבְנְאֵל, וואוּ עֶס אִיז דָארְט פַארְהַאן אַזֶעלֶעכֶע פַארְבִּיסֶענֶע רְשָׁעִים אַז מֶען קֶען זִיךְ דָאס נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אוּן וָואס אִיר זֶעהְט דָארְט הַיינְט צוּטָאגְס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער וואוּנְדֶער, אוּן נָאר אַדַאנְק תְּפִלָּה, בִּפְרַט דֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַמִדְרָשׁ וָואס עֶס שְׁטֵייט שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם לְתִפְאֶרֶת אִיז אִינְגַאנְצְן נָאר דוּרְךְ 'תְּפִלָּה', וַוייל אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ הֶעלְפְט עֶר, אוּן אֲפִילוּ עֶס פֶּעלְט נָאךְ אַסַאךְ יְשׁוּעוֹת, אָבֶּער דָאס אַלֵיין אַז מֶען הַאלְט אִין אֵיין בֶּעטְן אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט מִיד אוּן מֶען גֶעט נִישְׁט אוֹיף, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע יְשׁוּעָה.

דִי מֶענֶער. קוּמְט אוֹיס אַז פַּאר אַ בָּחוּר פֶּעלְט נָאך נַיין מָאס רֵייד, צוּ הָאבְּן 'שְׁלֵימוּת הַדִיבּוּר' אוּן קֶענֶען גֶעהֶערִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר אַלֶע צֶען מָאס רֵייד, [וָואס דָאס וַוייזְט אַקֶעגְן דִי צֶען לְשׁוֹנוֹת פוּן תְּפִלָּה].

אוּן מֶען קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין פָּשׁוּט לוֹיט דִי מְצִיאוּת, ווייל וָואס הָאט דֶען אַ גֶעוֶוענְטְלִיכֶער בָּחוּר צוּ בֶּעטְן? וָואס עֶר דַארְף נָאר וֶועט אִים זַיין טַאטֶע גֶעבְּן? אַ בָּחוּר הָאט נָאר אֵיין תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיך דַארְף אַ 'שִׁידוּךְ', דֶערְפַאר הָאט עֶר נָאר אֵיין מָאס רֵייד, אָבֶער וִוי נָאר עֶר הָאט חֲתוּנָה בַּאקוּמְט עֶר צוּ פוּן אִיר דִי אִיבְּרִיגֶע נַיין מָאס, וַוייל אַ יוּנְגֶערְמַאן דַארְף שׁוֹין בֶּעטְן אוֹיף 'שָׁלוֹם בַּיִת' צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ שְׁטוּב, אוֹיךְ דַארְף מֶען שׁוֹין בַּאצָאלְן רֶענְט יֶעדֶע חוֹדֶשׁ, לֶעקְטֶערִיק, וַואסֶער, טֶעלֶעפָאוֹן, גְרָאסֶערִי וְכוּ', אוּן עֶס אִיז שׁוֹין דָא זֵייעֶר אַסַאךְ אוֹיף וָואס צוּ בֶּעטְן, אוּן אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶעהְט מֶען אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע יְשׁוּעוֹת.

עֶס הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַ אִיד, אַז בִּשְׁעַת דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בָּחוּר, אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען צוּ אַנְטְלוֹיפְן צְווִישְׁן דִי 'פַּארְטִיזַאנֶער', הָאט עֶר מִיר פַארְצֵיילְט אָבֶער, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְטְן אִין וַואלְד מוֹרָא'דִיג מְיוּאָשׁ, [שְׁטֶעלְט אַייך פָּאר אַ מֶענְטְשׁ זִיצְט אַלֵיין אִין וַואלְד טָאג נָאך טָאג, בִּשְׁעַת עֶר וֵוייסְט אַז דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, אָדֶער עֶר וֵוייסְט נִישְׁט צוּ זֵיי לֶעבְּן צוּ נִישְׁט, דִי מַחְשָׁבָה צוּמִישְׁט מוֹרָא'דִיג דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאכְדֶערְצוּ אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ עֶסְן, מֶען רַייסְט גְרָאז אוּן בְּלֶעטֶער צוּ עֶסְן כְּדֵי זִיך צוּ דֶערְהַאלְטְן בַּיים לֶעבְּן, דֶערְפַאר אִיז נֶעבֶּעך גֶעוֶוען אַסַאך מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעטְרַאכְט: עֶס אִיז שׁוֹין בֶּעסֶער צוּרִיק צוּ גֵיין צוּ דִי רְשָׁעִים וִוי אֵיידֶער צוּ זַיין דָא אַלֵיין אוּן עֶלֶענְד].

פַארְצֵיילְט עֶר מִיר וַוייטֶער: עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אֵיין בְּרֶסְלְבֶ'ער חָסִיד וָואס עֶר הָאט אוּנְז מוֹרָא'דִיג מְחַיֶה

גֶעוֶוען, עֶר הָאט אוּנְז פָּשׁוּט אָפְּגֶערַאטֶעוֶועט דִי לֶעבְּן, אוּן נָאר אַדַאנְק אִים הָאבְּן מִיר זִיך גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן! בַּיי אִים אִיז גֶעוָוארְן דִי גַאנְצֶע וַואלְד אַ גַן-עֵדֶן, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה, אוּן עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה אִין אוּנְז, בִּיז מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז אִין דִי גַאנְצֶע וַואלְד זֶעהְט מֶען נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער... וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיך צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין!

## ט.

אָבֶּער אוֹיף תְּפִלָּה דַארְף מֶען הָאבְּן מוֹרָא'דִיגֶע חִיזוּק (בְּרָכוֹת ל"ב ע"ב), וַוייל אַסַאךְ מָאל בֶּעט אַ מֶענְטְשׁ אוּן נִישְׁט נָאר עֶר זֶעהְט נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה, נָאר עֶס וֶוערְט נָאךְ עֶרְגֶער אוֹיךְ, דֶערְפַאר דַארְף מֶען הָאבְּן גֶעוַואלְדִיגֶע 'הִתְחַזְקוּת' אוֹיף 'תְּפִלָּה', אוּן זַיין מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק אַז עֶס זָאל אִים גָארְנִישְׁט אִינְטֶערְסִירְן, אוּן גָארְנִישְׁט זָאל אִים קֶענֶען אָפְּרַייסְן פוּן תְּפִלָּה, אוּן אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק אִין

תְּפִלָּה הֶעלְפְט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און מֶען בַּאקוּמְט אַ אַנְדֶערֶע מֹחַ, און אַן אַנְדֶערֶע סָארְט 'יִשּׁוּב הַדַּעַת'.

## י.

אַזוֹי אוֹיךְ צוּ לֶערְנֶען 'תּוֹרָה' דַארְף מֶען הָאבְּן מוֹרָא'דִיגֶע חִיזוּק, אָבֶער צוּקוּמֶען צוּ 'תּוֹרָה' קֶען מֶען אוֹיךְ נָאר דוּרְךְ' תְּפִלָּה'! אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קי"א), אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און גֶעזָאגְט: רֶבִּי, אִיךְ וִויל זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד! הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: דֶעמָאלְטְס לֶערְן תּוֹרָה. זָאגְט דֶער אִיד: אִיךְ קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען. הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: מִיט "תְּפִלָּה" וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען קֶען נָאר צוּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶער 'תַּנָא' רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ו, ב): יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ 'בַּת קוֹל' פוּנֶעם בַּארְג 'חוֹרֵב' [סִינַי], און עֶס רוּפְט אוֹיס: אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת מֵעֶלְבּוֹנָהּ שֶׁל תּוֹרָה וְכוּ' – וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי פַארְשֶׁעמֶען

דִי תּוֹרָה, מִיט דֶעם וָואס זַיי לֶערְנֶען נִישְׁט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה! וָואס דוּרְכְדֶעם וֶוערְן זַיי פַארְשְׁטוֹיסְן וְכוּ׳.

פְרֶעגְט דֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב-הַקָדוֹשׁ (עַיֵין בַּעַל שֵׁם טוֹב עַל הַתּוֹרָה פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי סִימָן ז): פַארְוָואס דַארְף אַרוֹיסְגֵיין דֶער ׳בַּת קוֹל׳, קֵיינֶער הֶערְט דָאךְ דָאס סַייוִוי נִישְׁט?! זָאגְט דֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב-הַקָדוֹשׁ: יֶעדְן טָאג קוּמְט אֵיינְמָאל אַרַיין אִינֶעם גֶעדַאנְק פוּן אַ מֶענְטְשׁ: פַארְוָואס לֶערְן אִיךְ נִישְׁט אַ מִשְׁנָה? אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא? אַבִּיסְל הַלָכָה? אוּן דִי מַחְשָׁבָה קוּמְט פוּן דֶער ׳בַּת קוֹל׳.

אוּן פַארְוָואס פוּנְקְט דֶער תַּנָא ׳רְבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי׳ הָאט דָאס גֶעזָאגְט?! נָאר דִי גְמָרָא פַארְצֵיילְט (כְּתוּבּוֹת ע״ז ע״ב): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוִויסֶע מַחֲלָה וָואס הֵייסְט ׳בַּעֲלֵי רָאָתָן׳ [עֶס גֶעפוּנְט זִיךְ אַ שֶׁרֶץ אִין מֹחַ (רַשִׁ״י)], אוּן עֶטְלִיכֶע תַּנָאִים הָאבְּן גֶעוָוארֶענְט אוֹיף דִי שֶׁעדְלִיכְקֵייט דֶערְפוּן, אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט: זֵייעֶר הָאעֶך אוּן לוּפְט אִיז זֵייעֶר מְסוּכָּן. אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט: פוּן זֵייעֶרֶע עֶסְן טָאר מֶען נִישְׁט עֶסְן וְכוּ׳. וַוייל דָאס אִיז אַ מַחֲלָה וָואס כַאפְּט זִיךְ

אַרִיבֶּער, נָאר ׳רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי׳ אִיז גֶעוֶוען דֶער תַּנָא וָואס הָאט זִיך אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט זֵיי, אוּן עֶר הָאט מִיט זֵיי גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קו), אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אִין זִיךְ כְּפִירוֹת אִין קָאפּ, אוּן פוּן אַזַאלֶעכֶע מֶענְטְשְׁן דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעבְּן; אוּן אַז אֵיינֶער פְרֶעגְט אַ קַשְׁיָא אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָאס שׁוֹין כְּפִירוֹת, אוּן מֶען דַארְף אַנְטְלוֹיפְן פוּן דֶעם.

דֶערְפַאר וְוִיבַּאלְד רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָאט זִיךְ אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶן תּוֹרָה אִין דִי גֶעפַאלֶנְסְטֶע נְשָׁמוֹת הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז אַרוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט אִין גַן-עֵדֶן (כְּתוּבּוֹת ע״ז ע״ב), אוֹיךְ הָאט מֶען אִין זַיין צַייט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶעהְן קַיין רֶעגְן בּוֹיגְן אִין זַיין זְכוּת (שָׁם).

חַזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת דַף פט ע״ב; עַיֵין עוֹד שְׁמוֹת רַבָּה ב, ד; שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה ד, ט): פַארְוָואס וֶוערְט דֶער בַּארְג סִינַי אָנְגֶערוּפְן מִיטְן לָשׁוֹן ׳הַר חוֹרֵב׳ אוּן נִישְׁט ׳הַר סִינַי׳?

וַוייל פוּן דָארְטְן גֵייט אַרוֹיס אַ 'חוּרְבָּן' פַּאר דִי גוֹיִם. דָאס הֵייסְט, דוּרְךְ דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה זֶעהְט מֶען אַ חִילוּק צְווִישְׁן אַ אִיד אוּן לְהַבְדִיל אַ גוֹי, אַ גוֹי הָאט נִישְׁט קַיין שוּם בַּאגְרֶענִיצוּנְג, עֶר קֶען זִיךְ פוּן גָארְנִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער **בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ** הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַ 'זְכוּת' אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אִין זַיינֶע צַייטְן אִיז גֶעוֶוען שְׁטְרֶענְג פַארְבָּאטְן צוּ הַאנְדְלְן מִיט טַאבַּאק אָן רְשׁוּת פוּן דִי רֶעגִירוּנְג וְכוּ' [אַזוֹי ווִי הַיינְט דְרָאגְס], אָךְ אוּן וֵויי אִיז גֶעוֶוען אַז מֶען הָאט גֶעכַאפְּט אֵיינֶעם אַז עֶר הָאט גֶעהַאנְדֶעלְט שְׁוַוארְץ.

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב גֶעזָאגְט: **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!** דִי רֶעגִירוּנְג הָאט אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן אַ גֶעזֶעץ מִיט דִי שְׁטְרֶענְגְסְטֶע שְׁטְרָאפְן אוֹיף וֶוער עֶס הַאנְדֶעלְט מִיט טַאבַּאק, דָאך אַז מֶען גֵייט אַרוֹיס אִין גַאס טְרֶעפְט מֶען שְׁטִילֶערְהֵייט ווִי מֶען הַאנְדֶעלְט דֶערְמִיט, אוּן אֲפִילוּ דִי שׁוֹמְרִים אוּן פָּאלִיצֵיי וָואס זֵיי דַארְפְן הִיטְן אוּן פַארְסִירֶען

אוֹיפְן גֶעזֶעץ, זֵיי אַלֵיין הַאנְדְלֶען מִיט דֶעם, אָבֶּער אַז דוּ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאסְט גֶעזָאגְט בַּיי ׳קַבָּלַת הַתּוֹרָה׳ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פַאר דְרֵיי אוּן אַהַאלְבּ טוֹיזֶענְט יָאר צוּרִיק: מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן קַיין ׳חָמֵץ׳ אִין פֶּסַח. גֵיי זוּךְ בַּיי אֵיין אִיד אֲפִילוּ אַ ׳מַשֶׁהוּ חָמֵץ׳, כָאטְשׁ עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין פָּאלִיצֵיי אָדֶער אֵיינֶער וָואס גֶעט אַכְטוּנְג דֶערוֹיף[6] !!!

---

[6] עֶס אִיז גֶעוֶועז אַ אִינְגֶערְמַאן בַּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט ׳יַבְנְאֵל׳ וָואס דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע רְשָׁעִים הָאבְּן אִים אַיינְגֶעזֶעצְט פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט, עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעדַארְפְט זַיין אַ גַאנְצְן שַׁבָּת אִין אַ קְלֵיין צִימֶערְל, וָואס עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דָארְט מֶער וִוי אַבִּיסְל וַואסֶער פוּן דִי שׁוֹיעֶר, וָואס מִיט דֶעם הָאט עֶר זִיךְ אַבִּיסְל נַאס גֶעמַאכְט דִי לִיפְּן, אַזוֹי הָאט עֶר נֶעבֶּעךְ אוֹיסְגֶעהוּנְגֶערְט עֶטְלִיכֶע טֶעג, הָאט עֶר פוּן זַיין פֶּענְסְטֶערְל אַרִיבֶּער גֶעהֶערְט וִוי דִי פָּאלִיצֵיי שְׁלָאגְן זִיךְ אַרוּם צְווִישְׁן זִיךְ, נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן צוּגֶעכַאפְּט דְרָאגְס אִין טְבֶרְיָה פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ צֶעטֵיילְט צְווִישְׁן זִיךְ, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרוּם גֶעקְרִיגְט: דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען מֶער אוּן עֶר וֵוייניגֶער וְכוּ׳...

## יא.

קוּמְט אוֹיס אַז דִי מֶערְסְטֶע פוּן אַלֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן 'הִתְחַזְקוּת', אוּן דָאס אִיז דֶער עִיקָר נְקוּדָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וַוייל אַ אִיד אוֹיף דֶער וֶועלְט מוּז זִיךְ מְחַזֵק זַיין, דֶערְפַאר אִיז דֶער גַאנְצֶער 'לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת' וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען פוּל מִיט הִתְחַזְקוּת, וַוייל עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי גַאנְצֶע נְקוּדָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז נָאר הִתְחַזְקוּת[7], אוּן דִי אַלֶע

[7] כָּאטְשִׁיג דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט נָאךְ זַייעֶר גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים, צוּם בַּיישְׁפִּיל רֶבִּי נַפְתָּלִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶער חַבֵר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר זַייעֶר גְרוֹיס, אַזוֹי וַוייט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים אַמָאל גֶעזָאגְט: דוּ וֶועסְט וֶוערְן פוּן דִי מַלְאָכִים! וָואס אִיז אֵייגֶענְטְלִיךְ דִי מַעְלָה פוּן אַ מַלְאָךְ עֶר אִיז דָאךְ נָאר אַ עוֹמֵד? נָאר מֶען רֶעדְט פוּן אַזַא מַלְאָךְ וָואס עֶר זָאל טוּהְן גוּטֶע שְׁלִיחוּתֶ'ער, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים טַאקֶע גֶענוּמֶען פַאר אֵיינֶער פוּן דִי עֵדִים אוֹיפְן 'תִּיקוּן הַכְּלָלִי', עֶר זָאל זַיין עֵדוּת אַז דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַרוֹיסְצוּשְׁלֶעפְּן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וֶוער עֶס זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ פוּן תִּיקוּן הַכְּלָלִי.

אַגַב. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קמא): כָּאטְשִׁיג עֶס אִיז זַייעֶר אַ גְרִינְגֶע זַאךְ צוּ זָאגְן צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, אָבֶער וַוייל אִיךְ הָאבּ עֶס אַנְטְדֶעקְט, וֶועט אִיר זֶעהְן וִוי שְׁטַארְק דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֶועט זִיךְ אוֹיף דֶעם פָּארְלֵייגְן מֶען זָאל דָאס

וָואס זָאגְן אַז דֶער עִיקָר דַארְף מֶען קֶענֶען גוּט זָאגְן פְּשַׁט אִין 'לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן', אוּן אַז נִישְׁט אִיז עֶס גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת אוּן אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, וַוייל פוּנְקְט אַזוֹי וִוי אוֹיפְן סֵפֶר 'תִּקוּנֵי זֹהַר' אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן אַז מֶען הָאט צוּגֶעטְרָאפְן אוּן דֶערְגַאנְגֶען דִי רִיכְטִיגֶע פְּשַׁט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט אִינְזִין גֶעהַאט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת

נִישְׁט זָאגְן. מֶען זֶעהְט טַאקֶע בְּחוּשׁ וִוי שְׁוֶוער דָאס קוּמְט אָן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, עֶר שְׁטוּפְּט דָאס שְׁטֶענְדִיג אָפּ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער וְכוּ', כָאטְשִׁיג עֶס נֶעמְט בִּכְלַל נִישְׁט אַזוֹי לַאנְג דָאס צוּ זָאגְן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען דָאס צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג צוּפְרִי גְלַייךְ נָאךְ 'עָלֵינוּ', וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָּה אוֹיף אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן אוּן אוֹיף פַּרְנָסָה (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כט), אוּן עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶער תִּיקוּן.

דָאךְ אָבֶער פוּן אַלֶע תַּלְמִידִים הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן דָאס מֶערְסְטֶע אַרוֹיסְגֶעהַאט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וִויל, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט דָאס גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שסז-שע, שיג; פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק סִימָן תתרנ"ה). אוּן עֶר הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען לוֹיטְן רֶבִּינְ'ס בַּאפֶעל (עַיֵּין בַּהַקְדָּמָה שֶׁל לִקוּטֵי הֲלָכוֹת) דִי אַלֶע בֶּענְדֶער לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, וָואס עֶר הָאט דָאס גֶעשְׁרִיבְּן פֶּערְצִיג יָאר בִּיז צְוֵויי טֶעג פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת, וָואס עֶר אִיז שׁוֹין דֶעמָאלְטְס גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוַואךְ, אָבֶער פְּרַייטִיג צוּנַאכְטְס הָאט עֶר נָאךְ גֶעזָאגְט תּוֹרָה, אוּן דָאס הָאט עֶר אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן נָאךְ שַׁבָּת (לִקוּטֵי הֲלָכוֹת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, הֲלָכָה ז), אוּן פוּן דִי גַאנְצֶע 'לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת' קוּמְט אַרוֹיס נָאר הִתְחַזְקוּת.

הָרַ״ן סִימָן רפה): אוֹיפְן סֵפֶר ׳תִּקוּנֵי זֹהַר׳ וֶועט נִישְׁט זַיין גֶענוּג אַלֶע פַּאפִּירְן אוּן פֶּעדֶער פוּן דִי וֶועלְט צוּ קֶענֶען אָפְּשְׁרַייבְּן אוּן מַסְבִּיר זַיין דִי סוֹדוֹת וָואס לִיגְט דֶערִין. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיטְן הֵיילִיגְן סֵפֶר ׳לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן׳, ווִיפִיל פֵּירוּשִׁים מֶען זָאל נָאר נִישְׁט מַאכְן, אִיז נָאך אַלְץ נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן אַז מֶען אִיז שׁוֹין דֶערְגַאנְגֶען צוּם אֱמֶתְ׳ן פְּשַׁט.

נָאר דֶער עִיקָר פְּשַׁט אִיז, ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פַאר זִיךְ עֶפֶּעס ׳הִתְחַזְקוּת׳ דֶערְפוּן, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט מִיט אַנְדֶערֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן מֶען דַארְף ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין אוּן זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, בִּפְרַט אַ בָּחוּר הָאט דִי גְרֶעסְטֶע יִסוּרִים, אַזוֹי ווִי חַזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת נה ע״א): **אֵין יִסוּרִים בְּלֹא עָוֹן**; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז דָאס מַסְבִּיר (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ז): וֶוען שְׁפִּירְט אַ מֶענְטְשׁ יִסוּרִים? נָאר וֶוען עֶס אִיז דָא נֶעבֶּעך עֲבֵירוֹת, אָבֶּער אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֲווֹנוֹת אִיז נִישְׁט דָא קַיין יִסוּרִים.

וַוייל אֲפִילוּ אַז אַ מֶענְטְש הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט וֶועט עֶר נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן הוּנְגֶערִיג, עֶס אִיז דָא וואוּ צוּ עֶסְן, אַזוֹי וִוי דִי וֶועלְט זָאגְט: מֶען שְׁטַארְבְּט נִישְׁט פַאר הוּנְגֶער מֶען שְׁטַארְבְּט פַאר בוּשָׁה אוּן פַאר גֵיאוּת! אַז אַ מֶענְטְש אִיז הוּנְגֶערִיג קֶען עֶר גֵיין צוּ אַ חֲתוּנָה אָדֶער אַ בַּר מִצְוָה, פְרִישְׁטָאג קֶען מֶען עֶסְן וואוּ עֶס אִיז דָא אַ בְּרִית סְעוּדָה וְכוּ׳, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ פַיינֶע סְעוּדָה בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רֶבִּי (בַּעַל דִבְרֵי יוֹאֵל) זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעטְרִיבְּן דִי בָּחוּרִים צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען קִינְדֶער פוּן פַארְמֶעגְלִיכֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעשֶׁעמְט אַרוּמְצוּגֵיין נָאךְ גֶעלְט, הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַמָאל אַז אַ טַאטֶע אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן גֶעזָאגְט: אִיךְ לֵייג אוֹיס דִי גַאנְצֶע פוּנֶעף הוּנְדֶערְט דָאלֶער וָואס דֶער רֶבִּי דַארְף, נָאר מַיין זוּהְן זָאל נִישְׁט דַארְפְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט! הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: נֵיין! אִיךְ וִויל דֶער בָּחוּר זָאל אַלֵיין גֵיין.

הַיינְט זֶעהְט מֶען שׁוֹין קְלָאר זַיין הֵיילִיגֶע טִיפֶע כַּוָונָה, עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַריין בְּרֶענְגְן אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ מִיטְגֶעפִיל מִיט אַ צְוֵוייטְן אִיד, אוּן אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ אַז אַ צְוֵוייטֶער אִיד הָאט נִישְׁט, אוּן דָאס שְׁפִּירְט מֶען נָאר וֶוען מֶען גֵייט אַלֵיין נָאך גֶעלְט, אוּן מֶען כַאפְּט אַלֵיין אַריין גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת, דֶעמָאלְטְס הָאט מֶען שׁוֹין גָאר אַן אַנְדֶערֶע גֶעפִיל צוּ אֵיינֶעם וָואס גֵייט אַרוּם נָאך צְדָקָה, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט טַאקֶע וִוי זַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען דִי גְרֶעסְטֶע 'בַּעֲלֵי צְדָקָה', מֶען וֵוייסְט אַז אַ אוּנְגַארִישֶׁער אִיד גֶעט צְדָקָה.

וִוי בַּאוִויסְט הָאט מֶען אַיינְגֶעזֶעצְט דֶעם הֵיילִיגְן 'מְאוֹר עֵינַיִם' רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִין תְּפִיסָה[8], אוּן וִויפִיל דִי חֲסִידִים הָאבְּן נָאר פְּרוּבִּירְט אִים

---

[8] וִוי בַּאקַאנְט הָאט עֶר נָאךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקַבֵּל צוּ זַיין פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל-שֵׁם-טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט עֶטְלִיכֶע מָאל אִין זַיין סֵפֶר, תּוֹרוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן בַּעַל-שֵׁם-טוֹב-הַקָדוֹשׁ אַלֵיין, אָבֶּער דֶער עִיקָר אִיז עֶר גֶעוֶוען שְׁפֶּעטֶער בַּיים גְרוֹיסְן

אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען אִיז עֶס נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעבְּן אַ רִיזִיגְן סוּמֶע גֶעלְט עֶס הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעהָאלְפְּן, בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ פְּרוֹי אוּן זִי הָאט אִים גֶעזָאגְט: דוּ וֶועסְט נָאךְ אַרוֹיסְגֵיין! [זִי הָאט נָאךְ עֶפֶּעס גֶעזָאגְט אָבֶּער מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס], אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען עֶר אִיז דֶערְנָאךְ אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען.

יָארְן שְׁפֶּעטֶער אִיז נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן וֶוער דִי פְּרוֹי אִיז גֶעוֶוען, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער מְאוֹר עֵינַיִם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט דֶערְפוּן, הָאט עֶר אוֹיסְגֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען 'רָחֵל אִמֵנוּ'[9], אוּן אַז זִי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דִי סִבָּה פַארְוָואס עֶר זִיצְט אִיז, וְוייַבּאלְד עֶר הָאט אַסַאךְ עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין 'פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם', צוּ הֶעלְפְּן אַרוֹיס רַאטֶעוֶוען אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אִידְן פוּן שְׁמַאכְטְן אִין דִי רוּסִישֶׁע

---

מַגִיד מְמֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס (עַיֵין בְּשׁוּ"ת דִבְרֵי חַיִים חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט חֵלֶק ב, סִימָן לב).

[9] עֶר אִיז טַאקֶע אַוֶועק אִין דֶעם זֶעלְבְּן טָאג פוּן 'רָחֵל אִמֵנוּ' י"א חֶשְׁוָן (אִין יָאר תקנ"ח)

טוּרְמֶעס, וָואס דִי צַעַר פוּן זִיצְן אִין תְּפִיסָה אֲפִילוּ אֵיין שָׁעָה אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, וֶוער רֶעדְט נָאךְ מֶער וִוי אַ שָׁעָה וְכוּ׳, אוּן אַסַאךְ מָאל טוּט אַ מֶענְטְש אַ מִצְוָה אָבֶער עֶר אַנֶערְקֶענְט נִישְׁט דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן חֲשִׁיבוּת פוּן דִי מִצְוָה, דֶערְפַאר יֶעצְט אַז דוּ זִיצְט אִין תְּפִיסָה, וֶועסְטוּ שׁוֹין זֶעהְן אוּן וִויסְן וֶוער דִי רְשָׁעִים זֶענֶען, אוּן וָואסְפַארַא פַּיינוּנְגֶען אִידְן גֵייעֶן דוּרְךְ פוּן דִי רוּסְן יִמַח שְׁמוֹ, מְמֵילָא וֶועסְטוּ שׁוֹין אוֹיךְ וִויסְן דַיין גְרוֹיסְן שְׂכַר וָואס וַוארְט פַאר דִיר אוֹיף דִי מִצְוָה, וַוייל דוּ הָאסְט דָאס שׁוֹין אַלֵיין מִיטְגֶעמַאכְט.

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער: אִיךְ בֶּעט אַייךְ צְוֵויי זַאכְן וֶוען אִיר גֵייט נָאך צְדָקָה: אֵיינְס, אִיר זָאלְט נִישְׁט וֶוערְן קַיין אַפִּיקוֹרְסִים! וַוייל אַסַאךְ מָאל וֶוען יֶענֶער גֶעט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, רֶעדְט מֶען זִיךְ אָפּ כַּבְיָכוֹל אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער. דִי צְוֵוייטֶער זַאךְ, אִיר זָאלְט זִיךְ נֵייעֶן צְוֵויי טַאשְׁן, אֵיין טַאשׁ פַאר ׳בִּזְיוֹנוֹת׳ אוּן אֵיין טַאשׁ פַאר ׳גֶעלְט׳.

קוּמְט אוֹיס אַז אוֹיף פַּרְנָסָה קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ גְרִינְגֶער אַן עֵצָה גֶעבְּן, אָבֶער אוֹיף אַ בָּחוּר וָואס הָאט נִישְׁט זַיין שִׁידוּךְ אִיז אַ בִּיטֶער רַחְמָנוּת, וַוייל עֶר פַּאלְט נֶעבֶּעךְ אַרַיין אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע יִסוּרִים, דֶערְפַאר קֶענֶען מִיר נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוֹיף דִי מַתָּנָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִין אוּנְז אַרַיין גֶעלֵייגְט, דִי זַאךְ פוּן 'תְּפִלָה', וָואס דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען דוּרְכְגֵיין אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוֹיף יֶעדְן פַּאל, אוּן יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (פְּעֻלַּת הַצַּדִיק סִימָן תשפח): אִיר מֶעגְט קְנֵייטְשְׁן מַיין סֵפֶר וִוי אַזוֹי אִיר וִוילְט, דֶער עִיקָר נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן אֵיין סְעִיף אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ. אָבֶער כְּדֵי מְקַיֵים זַיין יֶעדֶע הַלָכָה אִין 'שׁוּלְחָן עָרוּךְ' דַארְף מֶען אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּ 'תְּפִלָה', מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל אַיינְהַאלְטְן יֶעדֶע הַלָכָה, אוּן חָלִילָה נִישְׁט עוֹבֵר זַיין אוֹיף קַיין שׁוּם הַלָכָה, וַוייל תְּפִלָה אִיז דִי עֵצָה פַאר אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (הַקְדָּמָה לְסֵפֶר לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת): אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סֵפֶר אִיז דָא פִּיל מִיט עֵצוֹת, אָבֶּער כְּדֵי צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי עֵצוֹת אַלֵיין דַארְף מֶען הָאבְּן ׳תְּפִלָּה׳! אוּן אַז מֶען בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף, לְמָשָׁל: ׳שִׂמְחָה׳ ׳סַבְלָנוּת׳ וְכוּ׳, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין דֶערְצוּ.

יב.

דֶערְפַאר יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן יוֹם טוֹב ׳פֶּסַח׳ [פֶּה-סָח], וָואס וַוייזְט אוֹיף בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער יֶעדֶע זַאךְ, דַארְף מֶען אִין זִיךְ אַרַיינֶעמֶען נִישְׁט מִיד צוּ וֶוערְן פוּן בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער, נָאר וִוילַאנְג מֶען לֶעבְּט זָאל מֶען שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

סְפֶּעצְיֶעל יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט דִי נַאכְט פוּן ׳שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח׳ וָואס מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ ׳קְרִיעַת יַם סוּף׳ אוּן צוּ נֶעמֶען פוּן דִי ׳בִּיזַת הַיָּם׳, אִיז מוֹרָא׳דִיג מְסוּגָל צוּ בֶּעטְן

פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ[10], אִיבֶּערְהוֹיפְּט אִיז דִי נַאכְט מְסוּגָל צוּ בֶּעטְן פַאר 'שִׁידוּכִים אוּן זִיווּגִים', אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה דַף ב ע"א): **קָשֶׁה זִיווּגוֹ שֶׁל אָדָם כִּקְרִיעַת יַם סוּף** - אַ שִׁידוּךְ אוּן זִיווּג פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי 'קְרִיעַת יַם סוּף'. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דִי נַאכְט סְפֶּעצְיֶעל מְסוּגָל צוּ בֶּעטְן פַאר 'פַּרְנָסָה' וָואס אִיז אוֹיךְ אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי 'קְרִיעַת יַם סוּף' (פְּסָחִים קיח ע"א), אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (תַּעֲנִית כה ע"א): עֶס אִיז גְרִינְגֶער פַארְן בַּאשֶׁעפֶער צוּ טוֹישְׁן דִי גַאנְצֶע טֶבַע וִוי אֵיידֶער צוּ שַׁאפְן אַ פַּרְנָסָה; וַוייל פַּרְנָסָה אִיז פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאכְן.

אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ 'זִיווּג' אוּן צוּ 'פַּרְנָסָה' דַארְף מֶען דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַז מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען

---

[10] בֶּאֱמֶת אִיז יֶעדְן טָאג אַ מְסוּגָל'דִיגֶער טָאג, אוּן אֲפִילוּ יֶעדֶע שָׁעָה הָאט אַ נַייעֶ מַזָל (שַׁבָּת קנו ע"א), מֶען דַארְף נָאר זַיין אַן 'עַקְשָׁן', אוּן נִישְׁט אָפְּלָאזְן פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לוֹיבְּט דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער קֶען מֶען שׁוֹין נָאכְדֶעם בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער, אַז עֶר זָאל שׁוֹין אַלֶע צָרוֹת אַרַיינְוַוארְפְן אִין וַואסֶער אַרַיין, אוּן מִיר זָאלְן אַרוֹיס נֶעמֶען דִי 'בִּיזַת הַיָם' אוּן אַרוֹיסְגֵיין מִיט אַ גְרוֹיסֶע שֶׁפַע.

זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן אַז אִין דֶעם זְכוּת וָואס מֶען אִיז מְחַזֵק אַנְדֶערֶע אִידְן זָאלְן מִיר אַלֵיין אוֹיךְ הָאבְּן הִתְחַזְקוּת, אוּן מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן דֶעם 'גוֹאֵל צֶדֶק' אוּן דֶעם 'בִּנְיָן בֵּית הַמִקְדָשׁ', אוּן מֶען זָאל שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן.

**תַּם וְנִשְׁלָם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם**

## הספר הקדוש הזה
## נדפס לזכות

## יואל בן ריצא רעכיל נ"י
## וזוגתו
## אסתר גיטל בת חיי שרה האדיא תחי'

## וילדיהם
**שלמה, אלחנן חיים, מרים העניא זיסל,**
**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**
**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.**

**הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.**

בס"ד

# פרייליכע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב בלומל




יעדע וואך
ביי אייער
טיר

פאר בלויז
$3.99

תוכנ'דיג און ציענדיג

וואס איר וועט נישט טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט אייך אליין

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

718-387-2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

282 • DESIGN | 845.406.4250